פֿולע טאַבעלע פֿון דער מלוכה-לאָטעריע זעה 4 זייט

opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
NAJER FOLKSBLAT
פּרייז 30 גראָשען

היינט 24 זייטען

# נייער פֿאָלקסבלאַט

№ 218 | Łódź, Piątek, 16 września 1932 r. | צענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, פֿרייטאג, ט״ז אלול תרצ״ב | № 218

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

Towarzystwo Akcyjne
SUKIENNEJ MANUFAKTURY
LEONHARDT, WOELKER i GIRBARDT
w ŁODZI SP. AKC.

8489

וואָס איז גוט בעקאַנט מיט איהרע **אויסגעצייכענטע קאַמגאַרן און שעוויאָט-אויסאַרבייטונגען**, וואָס פֿערטרעטען פֿול-שטענדיג די ענגלישע סחורות מאַכט בעקאַנט די ג׳ קליענטען, אַז אונזערע אויסאַרבייטונגען צום בעפֿאָרשטעהענדען

הערבסט- און ווינטער-סעזאָן פֿון די נייעסטע און מאָדערנסטע מוסטערן

זענען שוין צו בעקומען אין אַ גרויסען אויסוואַהל ביי אונזערע אַפּנעהמער, ווי אויך

אין איגענעם פֿאַבריקס-לאַגער אין לאָדז, פּיעטריקאָווער 55, — הויפּט-פֿערקויפֿס-לאַגער — לעאָנאַרדאַ 1

Józef Fränkel, Bielsko
Fabryka Sukna i Towarów Modnych

עמפּפֿעהלט דער געעהרטער קונדשאַפֿט **צום הערבסט און ווינטער-סעזאָן** דעם גרעסטען אויסוואַהל פֿון איהרע פֿיינסטע אויסאַרביי-טונגען פֿון **קאַמגאַרן** אין די שענסטע מוסטערן און פֿאַרבען, פֿון די בעסטע קוואַליטעטען גלאַטע וואַרען. מאָדע-וואַרען און פֿערשידענע סרעפּ-גלייכצייטיג מאַכען מיר בעקאַנט דער געעהרטער קונדשאַפֿט, אַז מיר האָבען

אונזער לאַגער אין לאָדז
איבערגעטראַגען אויף פּיעטריקאָווער 27
פֿראָנט 1-טער שטאָק, טעל. 192-28.

5551

פֿאַבריקס-פּרייזען. ●●● רעעלע בעהאַנדלונג.

טוך און קאָרט-געשעפֿט
KLOTZ i BRYSZ
לאָדז, באַוואַמיעסקאַ 4 פֿראָנט, 1-טער שטאָק, טעל. 241-87
קאָמיסיאָנס-פֿערקויף פֿון טאָמאַשאָווער, ביליצער און לאָדזער
דאַמען און הערען-וואַרען
צו נעגויע פֿאַבריקס-פּרייזען.
די נייעסטע קוואַליטעטען און מוסטערן שטעטס אויף לאַגער. מיר בעטען העפֿליכסט צו בעזיכטיגען אונזער רייכן לאַגער אָהן קויפֿסצוואַנג. סאָלידע און רעעלע בעהאַנדלונג.

רעעלע בעהאַנדלונג

צום הערבסט און ווינטער-סעזאָן
עמפּפֿעהלען מיר
די בייעסטע
דאַמען און הערען-שטאָפֿען
אויף פּאַלטענס און אנציגער
פֿון די בעסטע ביליצער, טאָמאַשאָווער
און לעאָנאַרדס סחורות
ביליגסטע פּרייזען!
רעעלע בעהאַנדלונג



BCIA A. i R. MILGROM HURT DETAL
ŁÓDŹ TEL. 225-95 36 PIOTRKOWSKA 36 FRONT I PIĘTRO

פּיעטריקאָווער — 17 —

# עלעגאַנטע דאַמען און הערען

טראָגען נור די אָריגינעלע **לוקסוס־שיך** פון אָנערקענטן ערשטקלאַסיגען שיך־מאַדעליער

# ל. אַדערבערג, פּיעטריקאָווער 17

וועלכער עמפפעהלט צום איצטיגען הערבסט־ און ווינטער־סעזאָן די עלעגאַנטסטע מאָדעלען און די נייעסטע גארנירונגען. — מיינע נייעסטע אָריגינעלע מאָדעלען־שיך ווערען צוליב דער קאָנקורענץ נישט ארויסגעשטעלט אין שוי־פענסטער. רעעלע בעהאַנדלונג! ערמעסיגטע פרייזען.



פּיעטריקאָווער — 17 —

# G. SZCZYBUK

ŁÓDŹ, ul. PIOTRKOWSKA 61
telefon 24-000.

קאָמיסיאָן־לאַגער
פון דער פּעלץ־ = אויסאַרבייטונגס = פאַבריק
„FURS", Wilno,
(S-ka B-cia Kirzner i D. Mickun)

אויף לאַגער. נוטריעטן, ביבעראָלן, בלויע פוקסן, פּערש. אפּאָזעסן און אַנדערע אויסאַרבייטונגען פון פּעלץ־וואַרען

Dr. med.
## Z. Datyner
אוראָלאָג
ספּעצ.־אַרצט פאַר בלאָזען נירען און אורין־קראַנקה.
פּיראַמאָוויטשא 2,
טעל. 148-95.
נעמט אָן פון 6–8 נאָכמ.

## לעהרערס
מיט רעגירונגס־רעכט 18 יאָהר פּראַקטיק, ערטיילען פּויליש, יודיש, פראַנצויזיש, עספּעראַנטאָ, דייטש, בוכהאַלטעריע און מאַטעמאַטיק.
שוו. יאַקובאַ 12
רעכטע אָפיצינע, 1־טער שטאָק וו. 30. שיף

3 — דאָס בעקאַנטע

# טוך און קאָרט־געשעפט
# HERMAN WŁOSKI

לאָדז, 3 נאָוואָמיעסקאַ 3 טעל. 114-92
פּראָנט, 2־טער שטאָק

עמפפעהלט צום איצטיגען הערבסט און ווינטער־סעזאָן דעם נייעסטען אויסוואַהל
פון די נייעסטע דאַמען און הערן־שטאָפען
פון די בעסטע לאָדזער, טאָמאַשאָווער, ביליצער לעאָנאַרדס און אויסלענד. אויסאַרבייטונגען.

בעסטע קוואַליטעט! נייעסטע מאָדע! פאַבריקס־פרייזען!

רעעלע בעהאַנדלונג! הורט און דעטייל! — 3

23 — אמבעסטען און אמביליגסטען

קויפט איהר איין צום בעפאָרשטעהענדען הערבסט און ווינטער־סעזאָן
# די נייעסטע הערען־ און דאַמען־שטאָפען
פון די בעסטע ביליצער, טאָמאַשאָווער און לעאָנאַרד'ס סחורות
נאָר איז דעם בעוואוסטען טוך־ און קאָרט־געשעפט פון

# M. TAZBIR

לאַנגיעהריגער מיטאַרבייטער פון דער געוועזענער פירמע ק. מילגראַם
**לאָדז, פּיעטריקאָווער 23, טעל. 226-39, פּראָנט, 2־טער שטאָק**
וואו איהר בעקומט אלעס צו קאָנקורענץ־פּרייזען.
הורט און דעטייל! רעעלע בעהאַנדלונג!
גערענקט די אדרעס! — 23

# דאָס בעקאַנטע טוך און קאָרט־געשעפט

פון די ג. מיטאַרבייטער פון דער פירמע
# ב. גוטטער
אינה. א. י. ווינקלער
**לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ 4, טעל. 159-12**
פּראָנט, 1־טער שטאָק, לינקס די טיר

עמפפעהלט צום איצטיגען הערבסט און ווינטער־סעזאָן דעם גרעסטען אויסוואַהל
פון די נייעסטע הערן און דאַמען־שטאָפען
פון די נייעסטע פאַרבען און מוסטערן פון די בעסטע
**ביליצער, טאָמאַשאָווער און לעאָנאַרד'ס סחורות**
הורט און דעטייל! קאָנקורענץ־פרייזען! רעעלע בעהאַנדלונג!
געדענקט דעם אדרעס! קומט און איבערצייגט אייך!

מזל טוב דיר, ליבער ברודער און שוועגערין צו דעם געבורט פון אייער ניי־געבוירען
זוהנדעלע
מיר ווינשען אייך אַ גרינגע דערציהונג און איהר זאָלט דערלעבען פיל נחת און פרייד.
ברודער יוסף אַרם און פרוי און קינדער
שוועסטער מאַניא און שוואָגער פוקס

# Dr. J. HERSZFINKIEL
זשעלאַזנאַ 8a
טעל. 111-87
6908
# צוריקגעקעהרט.

# ארפואה שלימה
געגען העמאָרידען, נירען־שטיינער, לישייעס און אַלטע ראַנעס
5535 צו בעקומען אין אַפּטייק־סקלאַד
**כאַבאַכאָוויטש, פּאָמאַרסקאַ 23**

# Dr. Wajnberg
ספּעציאַליסט פון האַרץ־ און לונגען־קראַנקהייטען
ציגעל־גאַס 11, טעל. 126·02
נעמט אָן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אָוונד.

# Dr. med. L. NITECKI
spec. **Chor. skórne, weneryczne i moczoplciowe**
**NAWROT 32, tel. 213-18**
przyjmuje od 8—10 rano i od 5–8 wiecz.
w niedz. i święta od 10–1 pp. 5546

# Dr. med D. Rozencwajg
## צוריקגעקעהרט
16 נאַרוטאָוויטשא 16. (פּיעטרקאָווסקאַ 76)
טעל. 128·74
נעהמט אָן פון 9–10 און פון 6–7 אָוונד

# מאַשין־מצות

ווערט געבאַקען אלע טאָג
פרישע און דינע ווי אויך
מצה־מעהל, אייער־פערפל
און סוכאַרקעס
לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם.
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט
אונזערע גוט־בעקאַנטע און
אַלערליי פרישע געבעקסען
פון אונזער איבעראַל־בעוואוסטער
צוקערניע
# ב. ווינבערג
**38 פּיעטריקאָווער 38**
טעל. 143-82.

# לשמוע אל הרנה ואל התפילה

אין די שעהנע מעבלירטע צימערן פון ה'
**קראַי, שענקעוויטשא 22**
פּראָנט, 2־טער שטאָק — ווערט געדאַוונט

ראש־השנה
יום־כפור
און סוכות

מיט גוטע בעלי־תפלות.

טעלעפאָן 159·32

# פּערפומעריע
# BUCHWAJC
# i Rotenberg
11 ליסטאָפּאַד 13 (קאָנסטאַנטינער)
טיילט מיט דער ג' קונדשאַפט, אַז זי בעזיצט אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון אלע
# קאָסמעטישע אַרטיקלען
צו זעהר צוגענגליכע פרייזען!

# מודעה.

**די פערוואַלטונג פון דער וואהליגער שוהל**
איז מודיע, אַז פון יום א' הבעל"ט י"ז אלול (18 סעפטעמבער) ועט מען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שוהל וואָלטשאַנסקאַ 6
# פערקויפען פלעצער צו דאַווענען
פיר מענער און פרויען. די וועלכע וועלן בעצייטנס נישט פערזאָרגען זיך מיט פלעצער, וועלן זייערע פלעצער פערלוירען ווערען. קיין שום טענות חוקה איז נישטאָ.
עס וועלען דאַווענען: מוספים דער בערימטער חזן ר' יצחק סאַלאָווייטשיק שחרותים מ"ר פליישער מדרהאַביטש. די קאַנצעלאַריע איז אָפען טעגליך פון 6 ביז 8 אָוונד. 5543 די פערוואַלטונג.

קויפט עכטען גוטען און כשר'ן
# ווייַן
צו די ביליגסטע פרייזען
**צו 65 און 75 גר. פאַר 1/4 ליטער**

ביי דער לאַנגיעהריגער בעוואוסטער פירמע
# „באַרוך"
אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאָדז
**30 נאָוואָמיעסקאַ 30**
טעל. 210-58

# א בריף פון א חבר צו א חבר'טע

## איבערגעכאפט פאר'ן „קונדס"

צו מיין טייערע הארציגע חבר'טע דבורה!

דיין בריף האב איך געלייענט מיט א פרינציפּיעלע פרייד. כ'בין ענטציקט פון די טענות אין דיין בריף, אין וועלכע די זאגסט ארויס דיין גרייטקייט דיך צו שטעלן אי זמיינע רייהען, און אנצובינדען א קאנטאקט צווישען דיין הארץ מיט מיינע אנ־שויאונגען. כ'ליב דיך דאך אזוי קאסמאפאליטיש, אזוי מארקסיסטיש, אזוי לעגאל! אזוי ווי א־אלגע־מיינע פערזאמלונג איז מיין נשמה, וועלכע בענגט, וואַרט און טרויערט, אז דו זאלסט איבערגעבען איהר פארזיץ!

א, ווען דו וואלסט געקענט ארייגקוקען אין מיין פראפארציאנעל הארץ, און פיהלען ווי שטארק עס ציהט מיך צו דיין קלאסען־בעוואוסטזיין! א, ביין! צו שטארק איז מיין ליבע צו דיר, אז כ'זאל נישט אומוואַרפען די פעדפוילטע זיילען פון קאפּי־טאל און אויסשרייען:

— נידער מיט'ן קאפּיטאל!

— נידער מיט'ן פאשיזם!

— זאל לעבען די רעאליזירונג פון אונזערע הייליגע אידעאלען!

דיין חבר

מאטעל.

# דער אדוואקאט מיט א יודישן קאפּ

## א סצענע אין א היגען געריכט

אין געריכט שטעהט אלס עדות אן־אלטער יוד. דער ריכטער פרעגט איהם:

— ווי הייסט איהר?

— נטע דאווידאוויטש.

— ווי אלט זענט איהר?

— זעכציג ביז הונדערט און צוואנציג.

— וואס חכמ'ט איהר זיך? איך פרעג אייך ווי אלט איהר זענט?

— זעכציג ביז הונדערט און צוואנציג.

דער ריכטער איז געווארען א צוקאכטער. אין געריכט־זאל האט זיך גראד געפונען א יודישער אדוואקאט, האט ער געבעטען דעם ריכטער, ער זאל איהם דערלויבען דעם עדות צו שטעלן א פראגע. דער ריכטער האט איהם דערלויבט.

— ווי אלט זענט איהר ביז הונדערט און צוואנציג? — האט דער אדוואקאט געפרעגט דעם יוד.

— זעכציג — האט דער יוד געענטפערט.

# די אומגליקליכע אלמנה, נעביך!

## וואס וועט זי טון מיט אזויפיל קארטאפעל?

אויף פעטריקאווער גאס האט א טראמוויי איי־בערגעפאהרען א מענש צום טויט. איינער פון די בעווזענדע איז אוועק מיטטיילען דער אלמנה. ער האט עס געוואלט מאכען סובטעל, זי פארבערייטען צום אומגליק, נישט זאגען מיט איינמאל די בשורה.

אין דער וואוינונג האט ער די פרוי געטראפען שיילען קארטאפעל צום מיטאג.

— פרוי גאנצעגאל, מיט אייער מאן איז גע־שעהן א קליינער צופאל.

— זי שווייגט.

— אייער מאן האט זיך אויסגעגליטש און צו־בראכען א פיס.

זי שווייגט.

— אייער מאן ליגט אין א געפעהרליכען צו־שטאנד אין שפיטאל.

— קיין איין ווארט.

— אייער מאן... איז געשטארבען!

— אוי, אוי, סארע שלימזל! — האט די פרוי אויסגעשריגען — פארוואס האט איהר באלד נישט געזאגט? וואס וועל איך איצט טון מיט אזויפיל אנגעשיילטע קארטאפעל?

# א שלאק האט זי געטראפען

## דער טאטעשי איז גערעכט

פאטער (צו דער טאכטער): ביזט שוין ווידער אהיים געקומען נאך האלבע־נאכט. האסט דיך שוין ווידער ארומגעשלעפט מיט דעם לאפסערדאק, און דו מיינסט, אז ער וועט מיט דיר חתונה האבען?

אוי, מיידלעך, מיידלעך! איהר חלומט אייביג פון גליקען און צום סוף פאלט איהר אריין צום ערשטען בעסטען אויסוואורף, שארלאטאן! א שטיק שלאק!

מוטער: יא, יא, העלטשע'לע, דער טאטעשי איז גערעכט, מיט מיר אליין, האט אויך געטראפען אזא אומגליק...

— א קוש.

א יוד, וואס איז געזעסען דערנעבען, ווענדט זיך צום בחור: — יונגערמאן, האט רחמנות, איך לייד שוין 10 יאהר אויף מערידען.

# אפשר איז דאס טאקע א רפואה!

## אויף א באנק אין סטאשיץ־פארק

אין סטאשיץ פארק זיצט א בחור מיט א מיי־דעל. זי בעקלאגט זיך שטארק אויף צאהן־ווייטאג.

— איך האב א זעהר גוט און לייכט מיטעל — זאגט דער בחור.

— וואס איז דאס מיטעל? — פרעגט דאס מיידעל.

# איז א משוגענער שעה

## איז ער דער אמת'ער קאנדידאט

שדכן (צום חתן בחור): איך האב פאר דיר א גאלדענעם שידוך. א כלה מיט אלע מעלות, זי האט נאר איין איינציגען חסרון.

חתן: איין חסרון מאכט נישט אויס. וואס איז איהר חסרון?

שדכן: איינמאל אין יאהר האט זי א משוגענע שעה.

חתן: איינמאל אין יאהר איז גארנישט. מלוא ר' שדכן נעמט אייך צום ענין.

שדכן: כאפ נישט. וועסט נאך אביסעל צו־ווארטען.

חתן: פארוואס?

שדכן: ווענען אזא חתן ווי דו ביזט, וועל איך מיט איהר קענען רעדען ערשט דאן, ווען זי וועט בעקומען די משוגענע שעה.

# יולעק איז א פינקטליכער מענש

## א טענה פון מאן צום ווייב

יולעק אייערבייגעל איז געווען אן־אלטער בחור און דערביי א זעהר פינקטליכער. אויף דער עלטער האט ער דאך חתונה געהאט. פונקט צו די 9 חדשים וועקט ער אויף דאס ווייב און פרעגט זי אן־אויפ־גערעגטער:

— נו, העלא, וואו האסטו א קינד?..

# ס'געהט נישט ווייטער

ווייב (צום מאן): כ'וואלט גערן געוואלט וויסען, צי איך וועל אויך דערלעבען, אזוי ווי מיין באבע, צו 100 יאהר.

מאן: אויב דו וועסט ביי יעדען יאהר אזוי לאנג בלייבען שטעהן, ווי ביים 25־טען — בין איך שטארק מסופק, צי דו וועסט צוציהען ביז 130

# אבי נישט איי חדר אריין!

מלמד (צו די קינדער): אויף דער גאס מוזט איהר גוט אכטונג געבען אויף אלע זייטען. שטעלט אייך פאר, למשל, איך געה ארויס אין גאס, קוק אין הימעל אריין, און דערווייל ווער איך איבערגע־פאהרען פון אן־אויטא — נו, ווייסט איהר די פאלגען דערפון?

— וואלטען מיר נישט געדארפט געהן אין חדר אריין — האבען די קינדער געענטפערט.

# אין בית־דין־שטוב

רב (צו דער פרוי): פארוואס ווילט איהר זיך גט'ן מיט אייער מאן?

יודענע: ווייל ער איז א צוגוכער.

רב: נו, דאס איז ביי אייך א חסרון?

יודענע: רבי, איהר פערשטעהט מיך נישט, — ער איז צו גוט.... פאר מיין שכנ'טע.

# נעקראלאג

נאך קורצע און שווערע ליידען, איז אין בליהענדען עלטער געשטארבען דער

נאציאנאל - סאציאליסטישער

## דייטשער רייכסטאג

וועגען וואס ס'טיילען מיט אין טיפען צער, די אין טיפען טרויער הינטער־בליבענע

## היטלעריסטען און צענטריסטען

בעמערקונג: מ'בעט נישט צו קאנ־דאלירען, ווייל איך וועל מיר מיין שטעטעל אליין בעטעהן.

אדאלף היטלער.

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 218 פרייטאג, דעם 16 סעפטעמבער 1932

# יודען לערנען א פרק בוכהאלטעריע...



אנשטאט מחזורים, קויפן היינט יודן האנדלס-ביכער, און לערנען אריין אינם „ווינעץ" און „מא"



אויבען רעכטס : מאַניפעסטאַציע פון סקויטען בעת׳ן קאָנגרעס פון דער „היילס־אַרמעי״ אין בערלין.



אינדערזייט רעכטס : דער גרויסער יודישער פילאָזאָף ברוך שפינאָזאַ צו זיין 300־טען געבורטס־טאָג.



אונטען רעכטס: די פייערליכע ענטהילונג פון דענקמאָל אויפ׳ן אָרט, וואו סאיז פאָרגעקומען די היסטאָרישע שלאַכט ביי דער מאַרנע אין אָנהויב פון וועלט־קריג. פראַנצויזישע מיליטער ביי דער גרויסער פאַראַד.





אויבען: ריזיגע סטאַטוע פון אַ העלפאַנט אויף אַ גאַס אין פעקין, וואָס פיהרט צו די קברים פון די כינעזישע קיסרים.





אונטען: די קינפטיגע ענגלישע טראָן־פאָלגערין עליזאַבעט פאָהרט מיט איהרע גרויסעלטערען — דעם ענגלישען קעניג און קעניגען — אויף אַ שפאַציר.



אויבען לינקס: מאַנעווערעס פון רייכסווער אין די בערג.



אינדערזייט לינקס: פראָפעסאָר ד״ר אונטערבערגער (קעניגסבערגער) זאָל האָבען ענטדעקט אַ מעטאָדע ווי אַזוי פון פאָראויס צו בעשטימען דאָס געשלעכט פון קינד.

אינדערמיט: דער שטאַרקסטער גייער־אויטאָ אָנגעפיהרט דורך די ענגלענדערין מרס. וויסדאָם.



אונטען לינקס: דער קעניג פון דענעמאַרק פעריצירט אויף זיין לייב־גוואַרדיע. צוליב׳ן קריזיס לאָזט דער קעניג פונאַנדער זיין גוואַרדיע. דאָס בילד ווייזט זיין לעצטע פאַראַדע.





אויבען רעכטס: סצענע פון אַ פילם אויסן לעבען פון דייטשען דיכטער טעאָדאָר קערנער וועלכער איז געפאַלען אין שלאַכט אין עלטער פון 22 יאָהר.

אויבען אינדערמיט: אַ ראַד אַרבילד פון דעם דאַמפער אויפרייס אין ניו־יאָרק, וואו ס'זענען אומגעקומען 49 פערזאָן און זעהר פיל פערוואונדעט.

אינדערזייט רעכטס: גהאַנדי, וועלכער איז מיט אַ צייט צוריק פערמשפט געוואָרען דורך די ענגלענדער מיט הויז־אַרעסט, דראָהט מיט אַ הונגער־שטרייק.





דער ריזיגער לינדבערג־שיינוואַרפער אַלס נאכטליכער שיינוואַרפער פאַר די אַמעריקאַנער לופט־פליהער.

אונטען רעכטס : אָסקאַר דאַובמאַן, דער לעצטער קריגס־געפאנגענער, וועלכער איז נאך 16 יאהר געקומען צוריק אַהיים.













אויבען לינקס: ריזיגע דייטשע דעמאָנסטראַציע אין קאָבלענץ פאָדערט צוריק די אָקופירטע סאַאַר־געביט.

אינדערזייט לינקס: גרעטע שוינער, די ערשטע כאָר־דיריגענטקע אין וויען.

אינדערמיט: טריומף־רייזע פון דעם ראַד־פאָהרער ריכטער (קעלן) וועלכער האָט בעקומען אין רוים דעם טיטול פון ראַד־וועלטמייסטער.

אונטען אינדערמיט: אַ בילד פון דער שטורעם־פער־וויסטונג אין איינער פון די געגענדען אין דייטשלאַנד.





דער אַמעריקאַנער הענשינסאָן, וועלכער האָט אונטערגענומען אַ פליה פון אַמעריקא קיין איראָפא מיט זיין פאמיליע און אריינגעפאלען אין ים. די פאמיליע איז אפגעראטעוועט געוואָרען.

אונטען לינקס: אַ נייער דענקמאָל פאַרן ערשטען דייטשען פרעזידענט עבערט.

